# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת תזריע – החודש | כ"ח ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**וראה הכהן וגו' והנה לא הפך הנגע את עינו וגו' טמא הוא:**

די גמרא זאגט ווען איינער טוט תשובה מאהבה (ד.מ. ווייל ער האט ליב דעם אויבערשטן, נישט ווייל ער האט מורא פון די עונשים), ווערן זיינע עבירות איבערגעדרייט פאר מצוות. און עס איז באוואוסט אז די נגעים קומען אויף א מענטש צוליב זיינע עבירות.

זאגן די **ספרים הקדושים** אז ווען א מענטש טוט תשובה מאהבה, ווערט די נג"ע איבער געדרייט אויף ענ"ג, דאס מיינט, אז פון די אותיות **נג"ע** ווערט די אותיות **ענ"ג**, ער זאל האבן פון אלעם גוטן, ווייל תשובה מאהבה דרייט איבער אז פון די עבירה אליינס ווערט א מצוה. און די אות "ע" פון סוף ווארט **נג"ע** קומט אריבער צום אנהייב ווארט און עס ווערט **ענ"ג**.

זאגט אבער דער פסוק:

אויב **וראה הכהן** דער כהן וועט זעהן, **והנה לא הפך הנגע את עינו** דאס ווארט "נגע" האט זיך נאכנישט איבער געדרייט זיין אות ע' צום אנהייב ווארט, דאס מיינט אז ער האט נאכנישט געטוהן תשובה מאהבה, אז פון **נג"ע** זאל ווערן ענ"ג. זאגט דער פסוק: **טמא הוא**, איז דאס א סימן אז ער איז נאך טמא, ער האט נאכנישט געענוג תשובה געטוהן. (דורש לציון מהנודע ביהודה).

### ידיעות פון די וואך

## ראש חודש ניסן

אין די הייליגע ספרים שטייט גאר געהויבענע ענינים איבער די גרויסקייט פון די טעג, אנגעהויבן פון ראש חודש ניסן:

"די ערשטע צוועלף טעג פון ניסן, אין די טעג ווען די נשיאים האבן מקריב געווען די קרבנות, דאס איז א כח פאר אלע 12 חדשים פון יאר, יעדן טאג איז קעגן א באזונדערע חודש" (אגרא דכלא פקודי ל"א, זרע קודש מועדים ה')

"זאלסטו וויסן אז לויט ווי א מענטש פירט זיך אויף אין די טעג, אזוי וועט זיין זיין אויפפירונג א גאנץ יאר, דעריבער דארף דער מענטש זיין געווארענט אין די טעג צו קונה שלימות זיין פארן גאנצן יאר (תפארת שמואל ר"ח ניסן ח').

"ראש חודש ניסן ווערט באנייט די השפעה אויפן גאנצן יאר" (קדושת לוי)

"אנגעהויבן פון ראש חודש ניסן דארף מען שוין שפירן דאס הייליגקייט פונעם יו"ט וואס קומט, וואס פון דעם יו"ט קומט דער קדושה פאר אלע אנדערע ימים טובים (פרי צדיק החודש אות ו')".

"עס זענען דא 2 חדשים אין יאר וואס ווערן אנגערופן "ראשון" תשרי און ניסן, אבער אויב טוט מען תשובה אין חודש ניסן, דעמאלטס איז דאס פיל מער ווערט ווי אין חודש תשרי, און דערפאר ווערט דאס אנגערופן ראשון לחדשי השנה" (כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ"ל).

# מוסר הפרשה

## כולו הפך לבן טהור הוא:

דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע האט געזאגט: ווען א מענטש איז א גרויסער באוויסטער רשע איז נישט קיין סכנה אז ער זאל זיך דרייען צווישן מענטשן, ווייל יעדער ווייסט אז מ'טאר זיך נישט חבר'ן מיט אים.

אויב איינער איז אבער א באהאלטענער רשע, אדער נאר א קליינער רשע, דארף מען אים ארויס ווארפן ער זאל זיך נישט דרייען צווישן ערליכע אידן, ווייל מענטשן ווייסן נישט אז ער איז א רשע און מ'וועט זיך ח"ו אפלערנען פון אים

דאס זאגט דער פסוק: **כולו הפך לבן**, אויב ער איז א רשע איין שטיק קרעץ פון קאפ ביז פיס, **טהור הוא** קען מען אים לאזן אין די מחנה ווייל ער איז נישט שעדליך פאר אנדערע אידן, אבער טאמער האט ער נאר א קליינע נגע אז ער איז א באהאלטענער רשע, איז ער **טמא** און ער דארף גיין מחוץ למחנה.

*

## החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה:

דער חודש ניסן איז די ערשטע און די הויפט פון אלע חדשים. אזוי ווי ביי א מענטש איז דער קאפ דער עיקר פון גאנצן גוף, און אז דער קאפ איז גוט ווערט דער גאנצער גוף גוט. אזוי איז דער חודש ניסן דער קאפ פון גאנצן יאר. וועגן דעם קענען צדיקים אין דעם חודש אויס'פועל'ן ישועות אויף א גאנץ יאר.

דאס זאגט דער פסוק: **החודש הזה לכם ראש חדשים**, דער חודש איז פאר ענק דער הויפט פון אלע חדשים, וועגן דעם **ראשון הוא לכם לחדשי השנה**, איז דאס דער ערשטער פון אלע חדשים, אז מ'קען אין דעם חודש אלעס אויסבעטן אויף אלע חדשים פון א גאנץ יאר.

# קריאת הנשיא

די קומענדיגע וואך דינסטאג איז **ראש חודש ניסן**, אנגעהויבן פון ר"ח ליינט מען יעדן טאג אין די ספר תורה דעם **"נשיא"**.

די פרשת הנשיאים שטייט אין פרשת נשא, וואו די תורה הקדושה דערציילט ווי אזוי דער משכן איז באנייט געווארן ראש חודש ניסן, און יעדן טאג האט דער נשיא פון א צווייטן שבט מקריב געווען קרבנות מיט מנחות און נסכים.

צדיקים האבן געזאגט גאר גרויסע זאכן אויף די טעג פון חודש ניסן ווען מען ליינט דעם נשיא, וואס דאס זענען העכערע זאכן פיל מער ווי אונזער פארשטאנד.

דער **קאזניצער מגיד** זי"ע שרייבט אין זיין ספר **עבודת ישראל** (שבועות) אז דער **בעל שם טוב הקדוש** זי"ע האט געזאגט אז ווען עס קומט ראש חודש ניסן, וואס דעמאלטס איז ראש השנה פון די מלכים ושרים, דעמאלטס נעמט ער די מלאכים און שרי מעלה און ער איז יעדן מסדר אויף זיין פאזיציע, און אויב האט דער בעש"ט געזעהן א מלאך פון וועמען ער איז נישט צופרידן געווען האט דער בעש"ט געשטעלט א צווייטן מלאך אויף יענעמס ארט.

דער **אגרא דכלה** (פר' פקודי) ברענגט פונעם הייליגן רבי'ן ר' **מענדעלע מ'רימאנוב** זי"ע, אז "די ערשטע צוועלף טעג פון חודש ניסן וואס מען ליינט דעם נשיא איז מרומז קעגן די צוועלף חדשים אין יאר, און די צדיקים וואס האבן לויטערע אויגן קענען פאראויס זעהן יעדן טאג וואס עס וועט פאסירן אין יענעם חודש. דער הייליגער **חוזה מלובלין** זי"ע פלעגט יעדן טאג שרייבן ברוח הקודש וואס עס וועט זיין אין יענעם חודש ווי עס איז באקאנט פאר אונזער הייליגע חברי', און יענעם יאר וואס ער איז נפטר געווארן אין חודש אב, האט ער נישט געשריבן נאר ביז אב" עכדה"ק".

**די מעשה פונעם הייליגן חוזה ווערט דערציילט מער באריכות אין ספר נפלאות הרבי** (אות ב') **ווי פאלגענד:**

שמחת תורה תקע"ה לפ"ק איז דער הייליגער **חוזה** נישט געזונט געווארן ל"ע, פון די מחלה וואס ער איז יענעם יאר תשעה באב נסתלק געווארן. ווען די תלמידים פונעם חוזה זענען געוואויר געווארן אז דער רבי איז זייער נישט געזונט זענען זיי אלע געקומען צו פארן מבקר חולה זיין דעם רבי'ן, אויסער דער הייליגער **ראפשיצער רב** זי"ע איז נישט געקומען מבקר חולה זיין דעם הייליגן חוזה.

נאך פורים איז דער מצב געווארן ארגער, דעמאלטס איז דער **ראפשיצער רב** שנעל געקומען צו פארן, און אויף ראש חודש ניסן איז ער שוין געווען אין לובלין, ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן און ער האט געזען דעם שווערן מצב האט ער נישט אוועק געטרעטן פון דארט ביז נאך י"ב ניסן. י"ג ניסן איז ער אוועקגעגאנגען צו זיין אכסניא און מער איז ער נישט געקומען צום רבין, וויפיל מען האט אים גערופן צו קומען צום רבי'ן ווייל דער מצב איז מסוכן איז ער נישט געקומען, ביז ט' באב נאנט צו חצות איז ער פלוצלונג אנגעקומען, און גלייך נאכדעם איז דער הייליגער **חוזה** פון לובלין נפטר געווארן.

ווען די הייליגע תלמידים האבן געזען אז דער **ראפשיצער רב** האט פונקטליך צוגעטראפן צום זמן ווען דער חוזה איז נפטר געווארן, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל זיי דערציילן פון וואו ער האט דאס געוואוסט, האט ער זיי דערציילט אז דער **חוזה** פלעגט דאך שרייבן יעדן טאג פונעם **נשיא** אלעס וואס עס וועט פאסירן יענעם חודש, היי יאר ה' ניסן וואס דאס איז קעגן חודש אב האט ער מיר געזאגט "איך זעה נישט **תשעה באב** נאר ביז חצות" האב איך פון דעם פארשטאנען אז דעמאלטס וועט ער נסתלק ווערן, זי"ע.

# הילולא דצדיקיא

## שבת החודש

דער קומענדיגער שבת קודש פרשת תזריע ווערט אנגערופן "**שבת פרשת החודש**", ווייל אין דעם שבת נעמט מען ארויס צוויי ספרי תורות און נאכן לייענען די סדרה פון די וואך, לייגט מען די פרשה פון "החודש הזה לכם" אין פרשת בא, וואו עס שטייט אז ניסן איז ראש חדשים און דארט ווערט פונקטליך ערקלערט אלע הלכות פונעם קרבן פסח. דאס איז די פערטע - און לעצטע - וואך, פון די ד' פרשיות.

**פרשת החודש** איז אלעמאל אין דעם שבת וואס מען בענטש חודש ניסן, און דאס איז דער טעם פארוואס מען לייגט די פרשה, ווייל אזוי ווי דער שבת איז "**שבת מברכים חודש ניסן**" לייגט מען די פרשה מודיע צו זיין אז עס קומט חודש ניסן דער קעניג פון אלע חדשים, ווי די תורה זאגט **החודש הזה לכ"ם**, אותיות **מל"ך**, און בזמן שבית המקדש היה קיים האט מען דאס געלייגט מודיע צו זיין אז עס קומט חודש ניסן און מען דארף זיך גרייטן עולה רגל צו זיין און מקריב זיין דעם קרבן פסח אין פערצן'טן טאג פון חודש.

אבער אפילו היינט ווען מיר האבן ליידער נישט קיין בית המקדש איז נאך אלץ וויכטיג צו וויסן און לערנען די הלכות אז מען זאל זיך קענען צוגרייטן מקיים צו זיין די אלע מצוות פון דעם חודש, פסח מצה ומרור, אויסרוימען דעם חמץ, כשר'ן גליען, באקן מצות, און נאך.

אויסער דעם לייגט מען די פרשה אלס זכר צו מצות קידוש החודש וואס איז אנגעגאנגען בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען דאס בית דין האט מקדש געווען דעם חודש, און חז"ל האבן דאס קובע געווען אויף שב"ק פאר ראש חודש ניסן, וואס דאס איז דער ראש חדשים.

דעם שבת פרשת החודש זאגט מען "**יוצר**" סיי ביי שחרית און סיי ביי מוסף, און דער נוסח פון יוצר ביי מוסף איז "**החודש אשר ישועות בו מקיפות**" (דער חודש וואס ישועות נעמען אים ארום), האבן צדיקים געטייטשט אז "**מקיפות**" איז א לשון פון "**בארגן**" (ווי עס שטייט החנוני מקיף), אז אין דעם חודש בארגט השי"ת און שיקט ישועות און מדריגות פאר יעדן איד אפילו מען איז נישט ראוי, מען דארף נאר ארבעטן אז מען זאל זיין ראוי עס מקבל זיין, עס זאל עפעס איבערבלייבן נאך יו"ט.

**ראש חודש ניסן יהי' ביום השלישי הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה**